**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/3/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט זעקס נייע שותפים אויסדערוועהלט אין עמפייער געביידע פארמעסט צו פאראויס שטופן קלימאט-פריינטליכע געביידעס אין ניו יארק סטעיט**

***ריעל עסטעיט מאנשאפטן איבערגעגעבן צו אראפנעמען הייצונג און הייסע וואסער אין היימער פון קארבאן אין זייערע עקזיסטירנדע הויכשטאקיגע געביידעס***

***פראגראם אדמיניסטראטאר פאר די עמפייער טעכנאלאגיע פרייז אויך אויסדערוועהלט***

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז זעקס נייע ריעל עסטעיט שותפות'ן וועלן זיך אנשליסן אין די סטעיט'ס 50 מיליאן דאלארדיגע עמפייער געביידע פארמעסט ( Empire Building Challenge, EBC) צו העלפן שטופן פאר קלימאט-פריינטליכע געביידעס אין ניו יארק סטעיט. די שותפות'ן – וועלכע באשטייען פון ריעל עסטעיט מאנשאפטן פון די מערסטע אנגעזעהענע געביידע אייגנטימער, ענדזשענירן און פירמעס וועלכע מאכן לייזונגען פאר קלימאט-פריינטליכקייט – וועלן אנטוויקלען נייע וועגן צו רעדוצירן קארבאן עמיסיעס אין הייצונג און הייסע וואסער סיסטעמען פאר 5.6 מיליאן סקוועיר פיס פון שטייענדע הויכשטאקיגע געביידעס – אריינרעכענענדיג 316 ביליגע האוזינג יוניטס – וואס קענען נאכגעמאכט ווערן און ווערן געשטופט דורך די עמפייער געביידע פארמעסט. The Clean Fight (דער ריינער קאמף) איז אויסדערוועהלט געווארן צו זיין דער פראגראם אדמיניסטראטאר פאר די עמפייער טעכנאלאגיע פרייז (Empire Technology Prize), א באלוינונג פראגראם וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן צו שטופן פאר געביידע טעכנאלאגיעס אין ניו יארק סטעיט קאמערציעלע און פאמיליע אפארטמענט געביידעס. די היינטיגע אנאנסן שטיצן די ציהל אין דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act) צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050.

"ניו יארק פלאסטערט אויס א וועג צו טרעפן נייע וועגן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס אין געביידעס, און דורך אנגייענדע שותפות'ן מיט ערפארענע ריעל עסטעיט מאנשאפטן ווי די וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן, שטעלן מיר אהער למעשה'דיגע ביישפילן פון וויאזוי דאס קען דורכגעפירט ווערן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וואונטש אונזערע נייע עמפייער געביידע פארמעסט שותפים, און איך ווייס אז זייער חזון און איבערגעגעבנקייט צו אראפנעמען אונזערע געביידעס פון קארבאן וועלן אונז ברענגען נאענטער צום ערגרייכן צוויי מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער ביז 2030."

אלץ רעזולטאט פון אן איינלאדענונג צו אנטייל נעמען אין א פארמעסט ארויסגעשיקט פריער דעם יאר דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) זענען די פאלגנדע ארגאניזאציעס און

זייערע שותפים אויסדערוועהלט געווארן זיך צו פאראויס רוקן מיט אכט געביידעס אלץ ביישפילן אין דעם EBC פראגראם. מיט די היינטיגע אנאנס, האט די EBC יעצט א שותפות מיט 16 ריעל עסטעיט פירער, אריינרעכענענדיג די וועלכע זענען אנאנסירט געווארן לעצטע יאר, וועלכע קאנטראלירן איבער 228 מיליאן סקווער פיס פון קאמערציעלע און פאמיליע אפארטמענטס ניו יארקע ריעל עסטעיט, אריינרעכענענדיג מער פון 75,000 האוזינג יוניטס. די פירער האבן געמאכט אן עפענטליכע צוזאג צו אראפנעמען איבער 125 מיליאן סקווער פיס אין ריעל עסטעיט פון קארבאן, אריינרעכענענדיג נאענט צו 1,500 יוניטס פון ביליגע האוזינג.

**נייע שותפות'ן אנאנסירט היינט רעכענען אריין:**

**Amalgamated Housing Corporation**

- מאנשאפט רעכנט אריין: EN-POWER GROUP, Egg Geo
- געביידעס: Tower I & Tower II, 3965 - 3975 Sedgwick Avenue, Bronx NY 10463

— צוויי ביליגע האוזינג פראפערטיס פון פאמיליע אפארטמענטס, 316 ביליגע האוזינג יוניטס, 20 שטאק, 425,070 סקווער פיס

**Boston Properties**

- מאנשאפט רעכנט אריין: Jaros, Baum, & Bolles Consulting Engineers, LLP, Norges Bank Investment Management
- געביידע: 601 Lexington Ave, New York, NY 10022

— איין הויכשטאקיגע קאמערציעלע אפיס געביידע, 59 שטאק, 1.79 מיליאן סקווער פיס

**Brookfield Properties**

- מאנשאפט רעכנט אריין: Cosentini Associates
- געביידע: 660 5th Avenue, New York, NY 10022

— איין הויכשטאקיגע קאמערציעלע אפיס געביידע, 41 שטאק, 1.5 מיליאן סקווער פיס

**Equity Residential**

- מאנשאפט רעכנט אריין: Goldman Copeland Consulting Engineers, Jones Lang LaSalle, RUHL
- געביידעס: 180 Montague, Brooklyn, NY 11201, and 777 Sixth Ave, New York, NY 10001

— צוויי געביידעס מיט פאמיליע אפארטמענטס, 31 און 32 שטאק, סך הכל 467,762 סקווער פיס

**LeFrak Organization**

- מאנשאפט רעכנט אריין: Steven Winter Associates, Inc., Ryan Soames Engineering
- געביידע: 59-17 Junction Boulevard, Queens NY 11373

— איין קלאס B קאמערציעלע געביידע, 20 שטאק, סך הכל 395,745 סקווער פיס

**Tishman Speyer**

- מאנשאפט רעכנט אריין: Jaros, Baum & Bolles Consulting Engineers, LLP, Brightcore, Watt Time
- געביידע: 520 Madison Avenue, New York, NY 10022

— איין הויכשטאקיגע קאמערציעלע אפיס געביידע, 43 שטאק, סך הכל 1.1 מיליאן סקווער פיס

**דאַרין מ. העריס, פרעזידענט און CEO פון ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט, האט געזאגט,** "די נייע עמפּייער געביידע פארמעסט שותפים זענען א קלארע אנדייטונג אז ניו יארק'ס ריעל עסטעיט אינדוסטריע שארן זיך ארויף די ארבל צו טרעפן הויכע-קוואליטעט, נידעריגע-קארבאן לייזונגען פאר הויכשטאקיגע געביידעס צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס. די פארשידנארטיקייט פון די הויכשטאקיגע געביידעס וועלכע זענען אויסדערוועהלט געווארן – פון א ביליגע האוזינג קאָו-אפעראטיוו אין די בראנקס ביז א 59-שטאקיגע קאמערציעלע אפיס געביידע אין מאנהעטן – שטרייכט אונטער די גרויסע צאל סארטן געביידעס וועלכע מיר דארפן אדרעסירן צו מאכן דאס אריבערלייגן געביידעס צו נוצן עלעקטריציטעט א מציאות פאר מער ניו יארקער."

די נייע EBC שותפים וועלן נוצן נייע טעכנאלאגישע לייזונגען וועלכע זענען קאנצעטרירט צו אראפנעמען הייצונג און הייסע וואסער סיסטעמען אין הויכע פאמיליע אפארטמענטס און קאמערציעלע געביידעס דורך טעכנישע לייזונגען ווי אפכאפן און מיטטיילן היץ, סטארעדזש פון היץ, פארגעשריטענע היץ פאמפּס, נידעריגע-טעמפעראטורן 'היידראַניקס' און פארגעשריטענע סיסטעם צוזאמשטעלונגען ('אינטעגרעישען'). די שותפים וועלן זיין בארעכטיגט צו באקומען $100,000 פאר די פלאנירונג צו אראפנעמען זייערע געביידעס פון קארבאן און ביז אזויפיל ווי $3,000,000 צו שטיצן זייערע ביישפיל פראיעקטן פון נידעריגע-קארבאן איבערמאכונג פון שטייענדע געביידעס אין א פארמעסט וואס איז ערווארטעט שפעטער דעם יאר. אין צוגאב, וועלן די געפינסן און אפלערנונגען פון די ערפינדונגען פון די צווייטע גרופע שותפים פארעפנטליכט ווערן אין 2023 אין די עמפּייער געביידע סטראטעגיע ביכל (Empire Building Playbook).

די EBC, געעפנט אין 2020, איז א פובליק-פריוואטע שותפות צווישן די NYSERDA און פירנדע ריעל עסטעיט דעוועלאפּערס, ענדזשענירונג פירמעס און פירמעס וועלכע ברענגען טעכנאלאגישע לייזונגען פאר קלימאט-פריינטליכקייט מיט די ציהל צו ברענגען פרישע פלענער וויאזוי צו איבערמאכן שטייענדע געביידעס צו זיין קלימאט-פריינטליך — פלענער וועלכע קענען נאכגעמאכט ווערן פאר די העכער 3 ביליאן סקווער פיס פון עקזיסטירנדע הויכשטאקיגע פאמיליע אפארטמענטס, קאמערציעלע און אינסטיטוציאנאלע געביידעס אין ניו יארק סטעיט. די פארמעסט ציהלן צו אויפטרייבן שריט פאר די קלימאט פון ריעל עסטעיט אייגנטימער; צו ארויסווייזן די בעסטע סטראטעגיעס וועלכע זענען אקצעפטירבאר פאר ביזנעסער צו אראפנעמען שטייענדע געביידעס פון קארבאן; און צו פאראויס רוקן אנטוויקלונג פון פראדוקטן און נייע ערפינדונגען אין די גלאבאלע סופליי טשעין.

אין צוגאב, איז היינט אויך אנאנסירט געווארן אז The Clean Fight איז אויסדערוועהלט געווארן אלץ דער פראגראם אדמינסטראטאר פאר די עמפּייער טעכנאלאגיע פרייז — א 10 מיליאן דאלארדיגן באלוינונג פראגראם וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן צו זיין קאנצעטרירט אויפן פאראויס רוקן טעכנאלאגיע פאר געביידעס צו פארמערן די באנוץ און אננעמונג פון איבערמאכן הויכע קאמערציעלע און פאמילע אפּארטמענט געביידעס אין ניו יארק סטעיט צו זיין נידעריג אין קארבאן. אלץ פראגראם אדמיניסטראטאר וועט The Clean Fight זיין פאראנטווארטליך צו צוזאמברענגען סטראטעגישע שותפים, רעקרוטירן און אויסוועהלן די טעכנאלאגישע לייזונגען פירמעס, צושטעלן טרענירונג און שטיצע פאר אויסגעוועהלטע אנטיילנעמער אין דעם פראגראם, אויפטרייבן געלטער פון ביזנעס שותפים און באלוינען מיט פרייזעס.

The Clean Fight איז א פראגראם צו אונטערשטיצן נייע פירמעס וואס האט ערפאלגרייך אפערירט אלץ א געביידע-קאנצעטרירטער, גרופע-באזירטער, וואוקס-שטאפל שטיצנדער פראגראם אין ניו יארק זינט 2020, זיי מאכנדיג פאר אן אידעאלער שותף צו צוזאמען אנטוויקלען די עמפייער טעכנאלאגיע פרייז צוזאמען מיט NYSERDA'ס טעכנאלאגיע און אראפנעמען-געביידעס-פון-קארבאן מאנשאפטן.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) קאמישאנער, רוט-ען ווִיסנאָסקעס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול נעמט אונטער למעשה'דיגע שריט צו רעדוצירן קארבאן עמיסיעס אין אונזערע אויפגעבויטע שטחים, אריינרעכענענדיג אין האוזינג דעוועלאפמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן, כדי צו ערגרייכן ניו יארק'ס אגרעסיווע קלימאט ציהלן. די עמפייער געביידעס פארמעסט וועט איסנוצן שותפות'ן מיט ריעל עסטעיט מאנשאפטן צו אראפנעמען הויכשטאקיגע אפארטמענט געביידעס פון קארבאן און העלפן שאפן א ריינערע און גרינערע ניו יארק פאר די צוקונפט. איך דרוק אויס מיינע בעסטע וואונטשן פאר Amalgamated Housing Corporation פארן אויסדערוועהלט ווערן פאר די וויכטיגע פארמעסט וואס וועט אוועקשטעלן א מאדעל וואס קען נאכגעמאכט ווערן צו רעדוצירן עמיסיעס פון די סטעיט'ס האוזינג ריעל עסטעיט."

**עד יעיקער, באָורד טרעזשורער פון Amalgamated Housing Corporation, האט געזאגט,** "פון די אנהויב האבן די גרינדער און פיאנירן פון Amalgamated ארויסגעוויזן אז 'לימיטעד עקוויטי קאָו-אפעראטיוו' האוזינג איז אן אויסגעצייכנטע וועג צו ערלויבן ארבעטנדע פאמיליעס מיט מיטלמעסיגע רעסארסן זיך צו קענען ערלויבן צו זיין היים אייגטימער. היינט זענען מיר שטאלץ צו אריינגיין אין א שותפות מיט די NYSERDA מיטן ארויסווייזן אז שטייענדע וואוינונג געביידעס קענען איבערגעמאכט ווערן מיט טעכנאלאגישע ערפינדונגען צו רעדוצירן ענעריגע באנוץ, רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס, רעדוצירן קאסטן און פארמערן באקוועמליכקייט פאר איינוואוינער פון ביליגע און קאָו-אפעראטיוו האוזינג."

**בען מאיערס, וויצע פרעזידענט פון BXP) Sustainability, Boston Properties, Inc.), האט געזאגט,** "ביי BXP זענען מיר איבערגעגעבן צו קארבאן-נייטראלע אפעראציעס און צו שטופן פאר קלימאט שריט אין אויפגעבויטע שטחים. שריט פאר קלימאט זענען שריט וואס דארפן אונטערגענומען ווערן צוזאמען, און צוזאמען מיט אונזערע שותפים פון Norges Bank Investment Management, זענען מיר באגייסטערט צו אונטערנעמען דעם איניציאטיוו אראפצונעמען געביידעס פון קארבאן אויף 601 Lexington Avenue."

**מייקעל דעשלי, סיניאר וויצע פרעזידענט פון Sustainability, Brookfield Properties, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ארויסצווייזן אונזער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אנקומען צו א קארבאן-פרייע באלאנס דורכן אריינגיין אין א שותפות מיט הויפט אינדוסטריע פראפעסיאנאלן און מיט די NYSERDA צו טרעפן ווירקזאמע לייזונגען וועלכע וועלן קענען נאכגעמאכט ווערן צו ברענגען באדייטנדע רעדוקציעס אין קארבאן עמיסיעס אויף אונזערע פראפערטיס. מיר זעהען דאס אלץ א געוואלדיגע געלעגנהייט צו ארבעטן צוזאמען אין די סארטן איניציאטיוון צו שטיצן אן ערפאלגרייכע אריבערגאנג צו א קארבאן-פרייע עקאנאמיע."

**מארק דזש. פארעל, פרעזידענט און CEO פון Equity Residential, האט געזאגט,** "צו אנטיילנעמען אין די עמפייער סטעיט געביידע פארמעסט איז א געלעגנהייט פאר Equity Residential צו העלפן פאראויס רוקן די אנטוויקלונג פון די טעכנאלאגיע וואס פעהלט זיך אויס אראפצונעמען געביידעס פון קארבאן און נאכקומען אונזערע פירמע'ס און ניו יארק סיטי'ס אגרעסיווע קארבאן רעדוקציע ציהלן. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט NYSERDA צו אויפקומען מיט נייע ערפינדונגען און דעזיין סטאנדארטן פאר ענערגיע שפארזאמקייט און צו אריבערברענגען שטייענדע אפארטמענט פראפערטיס צו עלעקטריציטעט."

**קריסטאפער ד. קאָלאסאנטי, PE, LEED AP, CEA און אסאָסיעט שותף פון JB&B, האט געזאגט,** "די עמפּייער געביידע פארמעסט איז אן אונטערנעמונג צו אנקומען צו קארבאן-נייטראלקייט, פאראויס שטופנדיג א לאקאלע פלאן אלץ חלק פון אן אלוועלטליכע מיסיע פאר געזונטערע אויפגעבויטע שטחים."

**מערילו בערק, סיניאר מענעדזשינג דירעקטארין פון קאמערציעלע ריעל עסטעיט ביי LeFrak Organization, האט געזאגט,** "LeFrak איז שטאלץ צו אנטיילנעמען אין די עמפּייער געביידע פארמעסט בשותפות מיט NYSERDA און אנדערע ריעל עסטעיט אינדוסטריע פירער. די געלעגנהייט וועט אונז ערלויבן צו ווייזן אז אריבערברענגען הויכשטאקיגע קאמערציעלע געביידעס אין ניו יארק סטעיט איז מעגליך און אז עס קען דורכגעפירט ווערן אויף א גרויסן פארנעם — א קריטישע טריט פאראויס צו קענען נאכקומען די סטעיט'ס קלימאט ציהלן."

**דזשאַנעטען פלאהערטי, מענעדזשינג דירעקטאר און גלאבאלע הויפט פון ענווייראמענט-פריינטליכקייט און געביידע טעכנאלאגיעס ביי Tishman Speyer, האט געזאגט,** "Tishman Speyer איז איבערגעגעבן צו די געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע קליענטן און צו מינימיזירן אונזער שאדן צו די ענווייראמענט איבער אלע קאמיוניטיס וועם מיר דינען. מיר זענען דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט און NYSERDA פאר זייער שטארקע פירערשאפט מיטן באקעמפן קלימאט טויש. די לעקציעס וועלכע וועלן אפגעלערנט ווערן פון די אינציאטיוו וועלן העלפן קלוגער מאכן אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו אנקומען צו א קארבאן-פרייע באלאנס אין אונזערע 87 מיליאן סקוועיר-פיסיגע גלאבאלע שטחים."

**קעיט פרוּקער, מענעדזשינג דירעקטארין פון The Clean Fight, האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע פאר The Clean Fight צו האבן אויסדערוועהלט געווארן צו אנפירן די עמפּייער טעכנאלאגיע פּרייז. די באלוינונג איז גענוי די סארט אנטשיידענע שריט וואס זענען וויכטיג אויב מיר ווילן לייזן איינס פון ניו יארק'ס גרעסטע קלימאט שוועריגקייטן. מיר זענען באגייסטערט צו אויפשטעלן די פרייז צוזאמען מיט די NYSERDA, צו טרעפן און פארשפרייטן נייע פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס אריבער די פאראייניגטע שטאטן און ארום די וועלט צו זיך קענען פארמעסטן מיט די שווערע נושא פון אראפנעמען הויכע געביידעס פון קארבאן שנעלערהייט און יושר'דיגערהייט."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט אגענדע איז די מערסטע אגרעסיווער קלימאט און ריינע ענערגיע אונטערנעמונג אינעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א וועג וואס שאפט נייע דזשאבס און טוט ווייטער שטופן פאר א גרינע עקאנאמיע אין די צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען צו שנעלערהייט פארגרעסערן ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און אריבערגאנג פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאולער ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 1.6 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2020, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000

מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאר 2035. אונטער דעם קלימאט געזעץ וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט — שטרעבנדיג צו 40 פראצענט — פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט, און צו מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס 2025 ענערגיע שפארזאמקייט ציהל צו רעדוצירן די ענערגיע וואס ווערט אויפגענוצט אויפן ארט שפארנדיג 185 טריליאן BTU'ס פון ענערגיע וואס ווערט למעשה גענוצט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418